STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09987

ITST

David Krivitsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איצט

פ אָ ע מ ע ן

צו לייענען פאַר זיך און פאַר יענעם

פון

ד. קריוויצקי

דריטע אויפלאַגע

ניו יאָרק, אויגוסט, 1935

פרייז 50 סענט

Copyright, 1935
by
D. KREVITSKY

490
THE ASTORIA PRESS
61 E. 4th St., N. Y.

טיימס סקווער

אין דער לײנג, און אין דער ברייט,
נאָר מען גייט, מען גייט, און גייט,
דער אהין, און דער אהער,
אַף דעם טומעלדיקן סקווער.
מען גייט — ווייל קיינער קאָן ניט שטיין,
מען צווינגט צו גיין, און גיין, און גיין.
דער גיט א שטויס, דער גיט א דריק.
א טראָט פאַראויס, א טראָט צוריק,
יעדער איז אין יעדנס וועג,
און שטופּט זיך איינער צו אַ ברעג —
שטערט ער אנדערע אין גאַנג,
און מאכט גרעסער דעם געדראַנג.
אין האַלט זיך אָן אָן זיך אַליין,
ער זאָל דאָ ניט פאַרלאָרן גיין.
דאַרפסט צו וועסט, און גייסט צו איסט,
און ווייסט ניט קיינמאָל וואו דו ביזט,
ניט וואו איז וואו, און ווער איז ווער,
אַף טיימס סקווער.

טאָג און נאַכט עס הערט ניט אויף,
ניטאָ קיין רו, ניטאָ קיין שלאָף,
נאָר מען גייט אַלץ אָן א שיר,
דו אַף דעם, און דער אַף דיר.
איינער טרעט אַף דיינע פיס,
א צווייטער גיט דיין זייט א ריס,
איינער קוועטשט דיך צו א האַנט,
א צווייטער דריקט דיך צו א וואַנט.
איינער קריגט אין קאַרק א שטויס —
אז דאָס האַרץ פאלט שיר ארויס,
מיידסט אויס איינעם מיט א בויג,
קריכסט אנאנדערער אין אויג...
כאַפּסט פּאר ווייטיק אָן דעם קאָפּ,
פאַלט בא דיר דיין הוט אראָפּ.
כאַפּסט דעם הוט און פאַלסט אליין,
ס'איז ניט צו גיין און ניט צו שטיין.
דער שלעפּט דיין ראָק, דער האַלט דיין הוט.
דו פילסט ווי ס'קאָכט אין דיר דאָס בלוט
און ווערסטו פון זיי ענדלאך פריי,
וואַקסט פאר דיר אויס דער טראַמוויי.
אַלץ איז אָפּהאלט דאָ, און שטער,
אַף טיימס סקוועער.

א פּאָרל גייט געאַרעמט, פֿיין,
פּלוצלונג רייסט זיך ווער אריין
צווישן זיי — א שטורעם־ווינט,
און איינער פֿון דעם פּאָר — פֿאַרשווינדט...
באַלד דערפֿילסטו ווי א האַנט
האָט דיין אָרעם איינגעצאַמט,
גיסט מיט פֿרייד א קער זיך באַלד,
ערשט — א פֿרעמדער מענטש דיר האַלט...

מיט אן אָפֿן מויל ארויף,
שטייט א מענטש און הערט ניט אויף
ציילן, ציילן נאָכאַנאַנד,
פֿענסטער אין א הויכער וואַנט.
באַלד דערלאַנגט מען אים א שטויס,
און זיין חשבון מישט זיך אויס...
ציילט ער אויף דאָס ניי, און קען
איבערציילן קוים ביז צען...

א מענטשן מאַסע קוקט געשפּאַנט,
א צייטונג דרייט זיך אַף א וואַנט,
נאָר איידער כאַפּסט א וואָרט אין צייט,
ביזטו שוין אַף דער צווייטער זייט...
ס'וואַרפֿט דיך אום אהין, אהער,
אַף טיימס סקווער.

טעאַטערס ווינקען דיר פאַרשייט,
וואָס שטייסטו ווי א נאַר פון ווייט?
דראַמאַ, אָפּערא, בורלעסק,
מואווי, וואָדעוויל, גראַטעסק!
קריגסט דאָרט וואָס דיין הארץ נאָר גלוסט,
אקטריסעם — איבעראל באַוואוסט,
אקטיאָרן — העלדן איינס אין איינס,
וואָס מען זעט נאָר ניט אזוינס,
דאָ ווינקט צו דיר א מוזיק האָל,
דאָ ווייזט מען קונצן, דאָרט א באָל,
דאָ רעסטאָראַנען ליכטיק, שיין,
און ווייסט ניט פריער וואו צו גיין...
אלצדינג ווילט זיך דיר דאָ זען,
און אויב חלילה איינער קען
אינעווייניק ניט אריין,
קוויקט ער זיך מיט עלעקטריק שיין
וואָס רייצט און כישופט אָן אויפהער
אף טיימס סקווער.

א ראַדיאָ דאָ, א ראַדיאָ דאָרט,
ווילסט הערן וואָס, און הערסט קיין וואָרט.
עס זינגט און שרייט, פאַרטומלט ווערסט,
דו הערסט, און הערסט ניט וואָס דו הערסט,
דאָ בעטהאָווען, דאָרטן דזשעז.
דאָ אדווערטייזט מען אונטערוועש,
איינער זאָגט דיר עפּעס אָן,
וואָס דו טאָרסט און טאָרסט ניט טאָן...
ס'קלינגט און ס'פייפט מיט ווילד געבריל,
עלעקטריק קאַר, אָטאָמאָביל,
און אלץ צוזאמען מישט זיך אוים,
אין איין פאַרטויבענדיק געברויז,
ווי א שטורעם אין דעם וואַלד,
וואָלט צויאָגט זיך מיט א גוואלד,
און וויגט די בוימער הין און הער,
טיימס סקוועד!

בי עם טי, און אי אַר טי,
ווייסט ניט וואו און ווייסט ניט ווי,
דאַכט זיך איינס און ס׳איז דאָך צוויי.
ס׳דרייט זיך אלץ אין איין געדריי...
דאַרפן — דאַרפסטו איי אר טי,
און פאַרקריכסט צו בי עם טי,
און ביז דעם טעות האָסט דערקענט,
האָט דערווייל געקאָסט פינף סענט...
לויפסטו גלייך צו איינעם צו
און פרעגסט שוין ווי צומישט, אוואו
איז דאָ די בי בי, איי עם טי?
ערשט יענער גיט מיט האַסט א פלי,
ער האָט אויך דערזען מיט שרעק
אז ער איז אנדערש וואו אוועק...
לויפט ער אהין און דו אהער,
און שילט ניו יאָרק מיט איר פאַרקער.
א צווייטן ניקל ווארפסט אריין
אין דער אייזערנער מאַשין,
עס קומט א באַן, דו פאַלסט אריין,
און פאָרסט אהער, ווען דאַרפסט אהין...
גייסטו באלד צוריק ארויס,
און גיסט א דריטן ניקל אויס,
און ווען דו פאָרסט שוין אָפּ מיט גליק,
דערזעסטו אז דו פאָרסט צוריק.
דאַרפסט אהין, און פאָרסט אהער,
צוריק אָף טיימס סקווער.

ארויף, אראָפּ, אראָפּ ארויף,
אָן אן אָנהויב, אָן א סוף.
גיסט זיך, פליייצט דער מענטשן שטראָם,
ערגעץ אין א טיפן תהום,
א ברויזנדיקע כוואַליע ווערט
פארשלונגען ערגעץ אין דער ערד,
און ס'וואַרפט די ערד צוריק ארויס,
א מענטשן מאַסע אין געברויז,
צובלעקלט זיי אהין, אהער,
אף טיימס סקווער.

אידישער שלום־בית

דער טאַטע איז אַ רעכטער,
געטרייער סאָציאַליסט.
וואָס האַסט מיט אַלע חושים
אַ יעדן קאָמוניסט.

די מאַמע איז אַ לינקע,
און האַלט פון דיקטאַטור.
דערהויפּט איבערן טאַטן,
דער שוויגער, און דער שנור.

די טאָכטער שפּילט טעאַטער,
און צינדט זיך אָן ווי בראַנד,
ווען אימעצער דערלויבט זיך
קריטיקירן איר טאַלאַנט.

דער זון איז אַ פּאָליטישן
און פאַרקאָכט אין ספּאָרט.
פאַר אַ באָל געים און אַ פּרייז־פייט
מעג אַלץ ברענען אַפן אָרט.

דער שווער איז אַ פאַרברענטער
העברעער, ציוניסט,
און האָט ער נאָר אַ קעגנער,
איז יענעם וויי און וויסט.

די אַלטיטשקע, די שוויגער,
גייט שווייגנדיק אַרום,
און קרעכצט אַף אירע צרות,
וואָס קיינער איז ניט פרום.

די שנור איז אַנאַרכיסטיש
געשטימט, און טאָלעראַנט.
פון אירעטוועגן מעג מען
זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט.

און קריגט דאָס וואָרט דער איידעם,
דער הייסער אידישיסט,
ווערט גלייך דער לעצטער סימן
פון שלום אָפּגעווישט.

מען זידלט זיך, מען רייסט זיך,
מען קריגט זיך און מען שעלט,
צוליב דעם אידנס וואווילזיין . . .
צוליב אַ שיינע וועלט.

און יעדער האָט דאָס בילד — פון
זיין נביא, און זיין גאָט,
אַף די ווענט צעהאַנגען,
ווי ס׳טוט אַ פּאַטריאָט.

נאָר ווען ס'ווערט די מחלקה
איינגעשטילט אין הויז,
און ס'לויפט דער לעצטער קעמפער
צעקאָכט מיט כעס אַרויס, —

ווערט דאַן אַ שפּאָגל נייע
מלחמה דאָרט צעברענט,
צווישן די נביאים
און געטער אַף די ווענט.

„וואָס זאָגסטו איצטער, הערצל?“ —
פרעגט מענדעלע מיט וויי.
דיר ווילט זיך אַ מלוכה
באַשאַפן דאָ מיט זיי?“

„עט“, זאָגט שלום עליכם,
„אַ איד בלייבט אַלץ אַ איד,
אין ניו־יאָרק צו מאָסקווע,
„ער ליבט נאָר אַ יאַריד!“

„די אידישע יאַרידן!“ —
זאָגט פּרץ מיט אַ קרעכץ,
„מען מאַכט נאָר אַ טומל,
„פון לינקס, אַזוי ווי רעכטס!“

„וואָס דען?“ — צעשרייט זיך ווייצמאַן.
״ווען ס׳וואָלט דאָס אידיש פאָלק
געהאַט אַ גוטן קיסר,
וואָלט דאָן שוין זיין אַ טאָלק!“

„אַ קיסר איז נאָך ווינציק!“ —
זאָגט צביון האַלב מיט שפּאָט.
„איר וועט אויך מוזן קריגן
אַן אַרמיי און אַ פלאָט!“

„אַרמייען?“ — זאָגט מאַסליאַנסקי,
„נאָך דאָס האָט אונדז געפעלט.
אַז צביונגס חכמות קענען
דערהרגענען אַ וועלט!“

„מיר האָבן אַן אַרמיי,
די שטאַרקסטע אַף דער ערד!“ —
צעפּאָכעט זשאַבאָטינסקי
זיך קריגעריש מיטן שווערד.

„קוקט נאָר אָן דעם קריגסהעלד!“ —
האָט טראָצקי זיך צעלאַכט.
„אַ נייער יוליוס צעזאַר
געוואָרן איבער נאַכט!“

„ווער קען זיך דען פאַרגלייכן
מיט טראָצקין אַלס אַ העלד?“ —
זאָגט סירקין, — „שוין געזען אים
ווי ער באַזיגט דער וועלט!“

„יאָ, אַלץ וואָס אידן דאַרפן“ —
זאָגט איראָניש ליטוואַקאָוו,
„איז ווייצמאַנען אַלס קיסר,
און סירקינען אַלס רב!“

„און ליטוואַקאָוו וועט געבן
זיין סמיכה וואו מען דאַרף,
אַף שרייבער און רבנים“, —
ענטפערט ניגער שאַרף.

„זאָ לאַנג ס׳וועט זיין באַ אידן
פון געטלאַכקייט אַ פונק,
וועט שוין קיין רב ניט פעלן“ —
גיט סטיפן ווייז אַ וואונק.

„איר לאָזט נאָר די טריפניאַקעס
טאָן וואָס זיי געפעלט“, —
זיפצט דער ווילנער גאון.
„וועט זיין אַ שיינע וועלט!“

„חברים!“ — שרייט אוים אַלגין,
„איר הערט וואָס טוט זיך אָפּ?
די קאָנטר רעוואָלוציע
הויבט שוין אויף דעם קאָפּ!“

„דיקטייטאָרס! קאָמוניסטן!“ —
געוואַלדעוועט אַב. קאַהאַן. —
„וואָס טויג אַ לאַנד דעם אידן,
אַז טאָלעראַנץ איז ניט פאַראַן!“

„עס איז ניט שווער צו לייזן
די אידישע פראָבלעם“, —
זאָגט זשיטלאָווסקי, — „כ׳דאַרף נאָר שרייבן
אַ סעריע וועגן דעם!“

„אייך גלוסט זיך אַ מלוכה,
אַ קיסר, אַ דעספּאָט!“ —
שרייט עמאַ גאָלדמאַן. — „נידער
מיט הערשער, און מיט גאָט!“

„וויים איך“, — גיט יאַנאָווסקי
סאַרקאַסטיש שטיל אַ לאַך. —
„ווי קען אַ קיסר ווערן,
אַז איך שטיי אַף דער וואַך?“

„איר וועט נאָך זען“, — זאָגט בערקמאַן, —
„דער איד וועט נאָך אַמאָל
צו דער תליה פירן
זיין קיסר אין ארץ ישראל!“

„אידן!“ — לאַכט בעני לענארד, —
„מען קריגט זיך טעג און נעכט.
ווען אַ גוטער זעץ אין מאָרדע,
וואָלט ווייזן ווער ס׳האָט רעכט!“

„באַשאַפט נאָר אַ מלוכה!“ —
שריַיט שוואַרץ דראַמאַטיש אוים.
„ווער איך דער קונסט מיניסטער
און בוי טעאַטערס אוים!“

„און איש“, — זאָגט טאָמאַשעפסקי,
„ווירדע שליסן דאָרט אַ בונד
מיט גאָלדינבורג און זאַצן,
צו קעמפן געגן שונד!“

„אַז ווי איז צו די יאָרן!“ —
גיט אדלער אַ געשריי. —
„ווער עס בויט טעאַטערס,
און ווער עס שפּילט אין זיי!“

„וואָס קריגט איר זיך, חברים,
און קאָכט זיך אויף דאָס בלוט?"
בעט זיך אברהם רייזען, —
„איר מיינט דאָך אַלע גוט!"

„עך, מיין פריינט„ — קלאָגט ביאַליק, —
„זיי מיינען אַלע גוט,
דערווייל שלאָגט מען אידן,
און ס'גיסט זיך אידיש בלוט!"

און הערצל, מאַרקס, קראָפּאָטקין . . .
שווייגן נעבעך שטיל.
אין זייער נאָמען רעדט שוין
אַיעדער וואָס ער וויל!

ה ע נ ט

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
ס׳היינגען מער ניט קיין פּלאַקאַטן
אַף די ווענט.
מיט די שרייענדיקע רופן
„מיר פאַרלאַנגען הענט!“
קיינער זוכט קיין הענט, וואָס זאָלן
יאָגן נאָך מאַשין-גערויש;
שטיל איז די פאַבריק געוואָרן
מיט איר אימפּעדיק געברויז.

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
הענט, וואָס האָבן אויסגעשפּונען,
אויסגעבויט און אויפגענייט;
הענט, וואָס האָבן גאַנצע אוצרות
צוגעגרייט און אָנגעגרייט,
גראָבן זיך אין מיסט און קויט
זוכן שמאַטעס, שטיקלאַך ברויט,
לייבער נאַקעטע צו הילן,
בייזן הונגער איינצושטילן.

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
ס'הויבן זיך ניט זעג און האַמער
מיט די הענט;
ס'קלאַפּן מער ניט שער און אייזן
אין די הענט;
ס'רוישן מער ניט די מאַשינען
אונטער הענט —
איינגעשלאָפן איז דער כח
פון די הענט

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
הענט, וואָס האָבן אין די מינעז
פון די גאָלד גרובן געצערט.
פון באַגינען ביז באַגינען
אין דער טיפער קאַלטער ערד,
שוואַרצע דימענטן געגראָבן
— צו באַשיצן וועלט פון קעלט —
הענט, ווער דאַרף איך איצטער האָבן?
געוואָרן איבעריק דער וועלט.

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
הענט, געברענט אין גלוט און פלאַמען,
שטאָל אין אייזן איינצוזאַמען,
פאַר די בריקן, עראָפּלאַנען,
פאַר די שיפן, פאַר די באַנען,
פאַר די טורעמס, פּיראַמידן,
זיינען איצטער אויסגעמידן,
אָפּגעלייגט, צונויפגעלייגט,
ווי צו גאָרנישט ניט געטויגט.

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
וואַלד צוזעגט און פעלד צואַקערט,
ווינט פאַרצאַמט און שטיין צופלאַקערט,
ים צושניטן, בערג צוריסן,
טייכן, אָפּגעשטעלט פון פליסן,
גרונטן פון דער טיף געהויבן,
טאָלן צו די בערג דערהויבן.
פלאַם געבונדן, טויט פאַרהאַלטן,
ליגן הילפסלאָזע באַהאַלטן.

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

הענט —
הענט וואָס האָבן ווי פאַרכישופט
מיט דער פידל, מיט דער פלייט,
מיט דער פען און מיטן פּינזל
הערצער אָנגערעגט מיט פרייד,
צינדן מער ניט די נשמות.
האַרץ און גייסט איז אָפּגעפרעמדט,
וואָרט און קלאַנג און פאַרב איצט וויינען
אויף די קינסטלערישע הענט.

הענט —
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

— הענט
אף וועמען וועלט איז אָנגעלענט,
וואָס האָבן בלוט און מוט פאַרשווענדט
אלץ געטאָן פון אייביק אָן.
האָבן מער ניט וואָס צו טאָן.
פאַרזאָרגט דער וועלט מיט אל דאָס גוטס,
און ס׳האָט די וועלט פאר זיי איין נוץ —
צו בעטלען פון א בעטלערס האַנט
מיט האַס און ביימנדיקער שאַנד.

— הענט
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געליימט.

דער וועלט פּאַראַד

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
מיד, פאַרשלאָפן גייען זיי,
ניט געאיילט און ניט געיאָגט,
ניט געלאַכט און ניט געוויינט.
ס'האָט דער טאָג זיי ניט געטאָגט,
די נאַכט האָט גאָרנישט ניט געמיינט.
שניי און רעגן, ווינט און קעלט,
דער פּאַראַד האַלט אָן זיין גאַנג,
דורך די גאַסן פון דער וועלט,
אונטער קרעכצנדיקן קלאַנג.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קומט דער אָוונט קומען זיי
מיט געציילטן טראָט און שפּאַן,
פאַרקויפן זיך צו יעדן מאַן.
מיט שטומען צער און פרעכן בליק
רופן זיי אייך קויפן גליק.
יונג און אַלט, אָן אונטערשייד.
ס'טרייבט זיי אַלעמען די נויט
אין גאַס ארויס פאַרקויפן פרייד,
זיי דאַרפן עסן און א קלייד.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קומט די נאכט אָן, קומען זיי,
פאַרכאַפּן בעטן אין דעם פּאַרק,
די קישן — איז דעם שכנ׳ס קאַרק.
דער צודעק — יענעמס פיס און הענט,
איינס אין צווייטן איינגעקלעמט.
קיינער פרעגט ניט, קיינער רעדט,
פאַר אלעמען איז גלייך די בעט,
פאר אלעמען איז איין געשאנק,
דער קאַלטער פּארק, די הארטע באנק.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קומט דער מאָרגן — קומען זיי,
גאַס אריין און גאַס ארויס,
צום פּאַראַד פון קליין און גרויס.
און פאַלט א מענטש אין גאַס פון שטיין,
קומט אנאנדערער צוגיין.
קיינער פעלט ניט קיינעם אויס.
א מענטש ניטאָ, וואָס מאכט עס אויס?
קיינער פילט ניט אז עס פעלט,
אן איבעריקער אף אונזער וועלט.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
אלטע גייען אין דער ריי,
פארהויקערטע מיט ווייסע האָר
און בעטלען אף די אלטע יאָר.
זיי ריידן ניט, צו וואָס די רייד?
דער קראנקער עלנט רעדט פאַר זיי.
די שמאַטעס אף זיי אָנגעקליידט,
די דאַרע הענט געשטרעקט מיט וויי,
די מידע פים וואָס שלעפּן קוים,
דעם קראנקן גוף וואָס האָט קיין היים.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קינדער גייען אויך מיט זיי,
טראָגן סחורה אין די הענט,
פאַרדינען אפן גאַס א סענט.
א הונגעריקע מאַמע וואַרט
אף איר שפּייזער פון דער גאַס,
א סוחר קליין און איינגעדארט —
וואָס טראָגט שוין אום א טיפן האַס,
אין זיין יונגער האַרץ צו וועלט,
וואָס האָט פאר אים נאָר היץ און קעלט.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
נעענטער, נעענטער קומען זיי
צו די וואָס לעבן רייך און זאַט
און לאַכן פון דעם וועלט פּאַראַד,
און זעען ניט און הערן ניט
די דראַענדיקע הונגער טריט.
דאָס בלוט געמישט מיט ווייסן שניי,
דעם קרעכץ אין שוואַרצע נעכט געהילט.
און פון נקמה דעם געשריי,
וואָס וועט אין בלוט נאָר זיין געשטילט.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
מיט האַס און צאָרן גייען זיי,
מיט פויסט געביילט און ציין געקריצט,
מיט אויגן — מוטיק אויפגעבליצט.
זייערס אָפּנעמען צוריק
פון דער וועלט וואָס לעבט אין גליק.
דער וועלט פּאַראַד — צושטורמט ים;
דער וועלט פּאַראַד — וואולקאַנען פלאַם,
וואָס האָט קיין אָפּהאַלט אַף זיין וועג,
און צינדט די וועלט פון ברעג צו ברעג.

דער קריפּל

אין כשופדיקן רייַן, און לוקסוס פון בראָדוויי,
אין בלענדענדיקן העלן ליכט פון ווייסן וועג,
זיצט א קריפּל אין רעגן און אין שניי,
דורך די קאַלטע נעכט און די לאנגע טעג.

רייכע דאַמען אָנגעטאָן אין גאָלד און זייד.
רייכע הערן גייען אים פארביי דאָ שטום.
אָבער קיינער זעט דעם בעטלער אָן דער זייט.
זעלטן ווער עס קוקט זיך אָף א קריפּל אום.

נאָר איינמאָל האָט א דאַמע בא אים זיך אָפּגעשטעלט,
און צו איר באגלייטער מיט כעס זיך געווענדט.
וואָס לאָזט מען אָט די בעטלער טאָן וואָס זיי געפעלט?
האָבן זיי דען אנדערשוואו בעטלען ניט געקענט?

וואָס לאָזט מען אָט די קריפּלס פאַרמיאוסן בראָדוויי?
די גאנצע גרויסע וועלט איז פאר די שנאָרער קליין.
איז דען די באוערי ניט גענוג פאר זיי?
אהער צו אונז נאָך קומען זיי צוגיין!

אָן עקל פילט מען דאָך ווען מען קוקט זיי אָן,
אָט די קריפּלס וועלכע קריכן דאָ ארום.
פוילער זיינען זיי, וואָס ווילן גאָרנישט טאָן.
נאָר בעטלען קענען זיי, שנאָרן אומעטום.

מיט א שמייכל האָט דער קריפּל אנגעקוקט
דער דאַמע מיט די ווייסע צאַרטע הענט.
די ליפּן האָבן בא אים ציטעריק געצוקט,
אין די אויגן האָט א פייער זיך צוברענט.

וואָס בייזערט איר זיך, ס'איז אייך איינג?
איך זיץ דאָך דאָ צונויפגעדרייט.
א שטיקל טרעפּ נאָר אין דער ליינג
און ווינציקער נאָך אין דער ברייט.

איז אייך מיין איינציק פוס אין וועג?
איז אייך אין וועג מיין איינציק האַנט?
אָט רוק איך נעענטער זיך צום ברעג,
און זעץ זיך האַרטער בא דער וואַנט.

עס וועט דען שאָדן אייער קלייד,
ווען איר קוקט אָף מיר פון וויט?
עס וועט דען שטערן אייער פרייד,
א קריפּל וואָס זיצט אָן א זייט?

נאָר הערט איך בין געווען אמאָל,
ווי איר מיט ביידע פים און הענט,
מיט מוסקולן הארט ווי שטאָל.
די ערד האָט אונטער מיר געברענט.

קליין איז מיר געווען דער ים,
די פריירי איז געווען צו שמאָל,
די ברייטע פרייע פעלד — א צאַם,
ווי פארן אָדלער באַרג און טאָל.

ביז מיין לאַנד האָט מיך באַדאַרפט,
האָב איך זיך איר צום דינסט געשטעלט,
און מיין ביקס און שווערד געשאַרפט
פאַר דעמאָקראַטיע אף דער וועלט.

און אייך באַשיצן פון דעם פיינט,
בין איך געגאַנגען בלינדערהייט,
פאַרזאָרגן אייער שיינעם היינט
און אייער מאָרגן פול מיט פרייד.

און עס האָט זיך דאָך געלוינט
שטאַרבן, צי א קריפּל זיין.
וואָס וואָלט דאָס לעבן דען געמיינט
פאַר אייך ווען ס'פעלט אייך גאָלד און ווייז?

מיר פעלט א פוס און ס'פעלט א האַנט?
טו וואָס-זשע איז, ווער קוקט זיך אום?
ווען דיין לעבן דארף דיין לאַנד,
טו גיב עס בלינד, טו גיב עס שטום?

אָבער אייער קלאַס איז גוט
און איידל, פיין געווען צו מיר,
און באַצאָלט מיר פאר מיין בלוט
מיט א טרעפּ דאָ בא דער טיר.

יאו מען וואַרפט מיר צו א סענט,
און אָפטער נאָך א בייזן בליק.
ווי א הונט אין קייט געפּענט
קריגט א ביין, דערצו א בריק.

מיר פאַרמיאוסן בראָדוויי,
מיר זיינען אייך אין וועג א שטער?
ניט אייביק וועט דאך זיין אזוי,
מיין שיינע פרוי, מיין ליבער הער.

די באוערי געפעלט אייך ניט,
דעם קריפּלס און דעם בעטלערס היים.
פון דאָרט וועט איר נאָך גיין געשמידט
אין גאָלדן קייט צום תליה בוים.

איר זעט מיין איינציק פום און האנט?
איך וועל אויך געבן די מיט פרייד
אָפּצואווישן אָט די שאנד
פון זיך, פאר בעטלען בא אייך ברויט.

מיין איינציק פוס, מיין איינציק האַנט.
זיי וועלן דינען מיר געטריי,
צו טראָגן האַס און שפּרייטן בראַנד
די וועלט זאָל ווערן פון אייך פריי.

אינהאַלט

❖

אידישער שלום-בית

טיימס סקווער

הענט

דער וועלט פּאַראַד

דער קריפּל

❖

צו אינסצענירן אָדער אויפפירן די רעציטאַציעס פון דעם בוך, מוז מען האָבן אַ שריפטלאַכע דערלויבעניש פון פאַרפאַסער.

ד. קריוויצקי.